בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

**קכ"א**

יו"ל: כ"ז סיון ה'תשפ"ג לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפ׳ס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

# תוכן השיעור

**"געמיינט אז עס איז שבת"...**
**"ביי מיר וועט ער נישט זיין קיין ברסלב׳ער!"**
**נישט אנגעזעהן אויף אים קיין שינוי**
**מורא געהאט פון געלט...**
**"וּבַחֲבֻרָתוֹ נִרְפָּא לָנוּ"**
**ווער וועט וועמען באזיגן?!**
**אינגאנצן אנטלאפן...**
**אוועקגעפארן שטודירן קיין אָדעס**
**"ר׳ אפרים לאזט מיר נישט שלאפן!"...**
**"גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב"**
**"פאר א נויט בין איך אליין געגוג!"**
**"גאט׳ס נאמען" אין אוקריינע**
**אים נישט טשעפען**
**געגאנגען צוויי מאל אין מקוה**
**נישט געוואלט געבן דאס קינד צו מל׳ען**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו ׳מערכת ברסלב׳
**ארה״ק: 02.560.7387**
**ארה״ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ 121#**

בס"ד

# פרשת משפטים (א)

שנת תשל"ו

(טייפ מס' 134#)

## "געמיינט אז עס איז שבת"...

(חסרה ההתחלה, מדבר על ר' פנחס קיבליטשער) דער שווער האט מיר אויך געזאגט אז ער איז געווען א געוואלדיגער פריילינער איד! אזא מין חולה, א גאנצע וואך האט ער זיך נישט געקענט וואשן צום עסן - ער האט נישט געקענט עסן קיין כזית, אבער שבת האט ער זיך געוואשן צום עסן, ער האט זיך געמוטשעט אז ער זאל קענען עסן דעם כזית, א געוואלד! ער איז אלט געווען עטליכע און דרייסיג יאר ווען ער איז נפטר געווארן, א יונגער מענטש, נאר אזא מין פריילינער מענטש געווען - מלא שמחה איז ער געווען! דאס איז א שמחה פון גרוים קדושה, מלא שמחה!

(ר' משה: פון ר' פנחס'ן איז גארנישט געבליבן?) ער האט געהאט איין טאכטער.

(השואל: אייער שווער ליגט אויך אין קיבליטש?) ניין, אין טעפליק. בשעת עס איז געווארן די באנדעס אין קיבליטש זענען אסאך געווארן אויסגע'הרג'עט, זענען מיר אנטלאפן, זענען מיר געבליבן לעבן.

ער (דער שווער) איז נפטר געווארן כ' אלול, פרייטאג. די לעצטע נאכט וואס ער איז נפטר געווארן - אין די נאכט האט ער נאך אפגערעכט חצות! ער איז לא עלינו געווען געשוואלן ווי א בארג, האט ער נאך אפגערעכט דעם שבת'דיגן חצות. ער האט אנגעהויבן די קאפיטלעך תהלים (מתיקון לאה), און זי ע"ה, האט געפרעגט

**דארטן: "טאטע, עס איז נישט שבת, פארוואס זאגסטו דעם חצות פון שבת?" האט ער געגעבן א שמייכל: "אזוי? איך האב געמיינט אז עס איז שבת!"... - מיט אזא מין שמייכל, מיט א שמחה, און ער האט שוין צוריק אנגעהויבן זאגן נאכאמאל דעם חצות פון שבת...**

**א געוואלד, א איד אזא מין ארעמאן - און נאך אזוי פרייליך, און נאך אריינגעברענגט ביי יענעם! ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט צופארן קיין קיבליטש ער זאל אים מאכן פרייליך אין דער עבודה!**

**ער איז געפארן קיין קיבליטש צו ר' אהרן'ען - אהרן האט אים געמאכט פרייליך.**

**דאס איז א יסוד פון אידישקייט! דער רבי זאגט אין א תורה[א], דער אויבערשטער אליין היט אים אפ, "וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית" - דורך שמחה! דער אויבערשטער אליין** (היט אים אפ!)

❖

## "ביי מיר וועט ער נישט זיין קיין ברסלב'ער!"

(השואל: ווי אזוי איז געווען דעם שווער'ס התקרבות? דורך ר' פנחס'ן?) **אוודאי, דורך ר' פנחס'ן.**

**ער איז געווארן א חתן ווען ער איז אלט געווען צוועלף יאר! און דער מחותן, דאס הייסט, דער זיידע, האט צוגענומען א מלמד פאר אים. אמאל האט מען געקענט ווערן א חתן ביי די ניין יאר אויך, פלעגט מען צונעמען א מלמד וואס האט**

---

[א] ליקוטי מוהר"ן סי' קס"ט - 'והיה עקב תשמעון', וזל"ש: עוֹד מָצָאתִי, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת **וְשָׁמַר ה' לְךָ אֶת הַבְּרִית.** כִּי כְּשֶׁתִּזְכֶּה לְשִׂמְחָה אֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ יִשְׁמֹר לְךָ אֶת הַבְּרִית דְּהַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה בְּעֶזְרְךָ לִשְׁמֹר אֶת הַבְּרִית קֹדֶשׁ, כִּי עִקַּר פְּגַם הַבְּרִית הוּא עַל יְדֵי עַצְבוּת כַּיָּדוּעַ, כִּי פְּגַם הַבְּרִית בָּא עַל יְדֵי הַקְּלִפָּה הַיְדוּעָה שֶׁנִּקְרֵאת לִילִית, עַל שֵׁם, שֶׁמְּיַלֶּלֶת תָּמִיד שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת עַצְבוּת, וְעַל כֵּן עִקַּר שְׁמִירַת הַבְּרִית זוֹכִין עַל יְדֵי שִׂמְחָה, **כִּי עַל יְדֵי שִׂמְחָה זוֹכִין שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ יַעֲזֹר לוֹ לִשְׁמֹר אֶת הַבְּרִית קֹדֶשׁ** כַּנַּ"ל.

געלערנט מיט אים. איז דער שווער ביי די צוועלף געווארן א חתן - די חתונה איז געווען שפעטער מיט עטליכע יאר, האט ער גענומען פאר אים א מלמד - דעם ר' פנחס. איך ווייס נישט ווען ער האט חתונה געהאט - (מן הסתם) ביי די פופצן-זעכצן, און ר' פנחס האט מיט אים געלערנט נאך פאר דער חתונה, ער איז געווען זיין מלמד.

(ר' משה בינענשטאק: דער שווער האט גענומען דעם ר' פנחס אלס מלמד?) **דעם שווער'ס שווער.**

דער שווער האט מיר דערציילט, די שוויגער האט דאס אויך דערציילט, דעם שווער'ס פאטער איז געווען א מתנגד, ער האט נישט געוואלט ער זאל זיין א ברסלב'ער, אז ער איז געוואויר געווארן אז ער האט א שייכות מיט ברסלב, האט ער א זאג געגעבן: "ביי מיר נישט - ביי מיר וועט ער נישט זיין קיין ברסלב'ער!" ער האט עס געזאגט מיט אזא שטארקייט - ער איז געווען א תקיף.

דאס האט ער געזאגט אינדערפרי, און פארנאכט איז געווען די לויה...

(ר' משה: פון ר' אהרן'ס טאטע?) **יא יא.**

ביי ר' פנחס קיבליטשער איז אויך אזוי געווען; ווען ער איז געווארן א ברסלב'ער חסיד איז ממש געווען (א הסכמה) אז מען זאל אים הרג'ענען. ר' נחמן טולטשינער האט געזעהן אז מען וועט אים ממש הרג'ענען, האט ער אים אוועקגעשיקט קיין סטאפאטשיק - א דארף נישט ווייט פון אומאן - לעבן ברסלב, דארט איז געווען ר' ישראל - פון רבי נתן'ס מענטשן, האט ער אים אוועקגעשיקט דארט מיט א בריוו וואו ער האט שוין געשריבן דארט ווער דער יונגערמאן איז.

ווען ר' פנחס איז אריינגעקומען, האט ר' ישראל געדאווענט דעמאלט מנחה - ער האט געזאגט 'קטורת', האט ער נאר געהערט ווי ער זאגט 'קטורת' מיט כוונה, ער האט געהאלטן פונקט ביי די ווערטער "ולמה אין מערבין בה דבש? מפני שהתורה אמרה!" האט ער עטליכע מאל געשריגן: "שהתורה אמרה" "שהתורה אמרה"

"שהתורה אמרה". האט ער האט דאס געהערט - 'אזוי זאגט א איד קטורת - מיט אזא מין דביקות צום אויבערשטן??!'

אז ער האט אפגעדאוונט דער גאנצער מנחה מיט א דביקות, האט ער אים געוויזן דעם בריוו. (האט ר' ישראל אים גוזאגט:) "**איר וועט זיין ביי מיר, איר וועט לערנען מיט מיינע אייניקלעך!**". איז ער געווען ביי אים, דארטן האט ער שוין (געזעהן די עבודה) פון ר' ישראל'ן - פון רבי נתן'ס מענטשן.

ער איז אבער נישט געווען דארטן לאנג - דער אויבערשטער האט אוועקגעשיקט דערווייל וועמען מען דארף אוועקשיקן... (- חותנו נפטר) - דער אויבערשטער פירט דאך אזוי דער וועלט[ב].

אזא מין כלי ווי ר' פנחס איז געווען, און מען האלט אים ביי הרג'ענען - האט ער אוועקגעשיקט...

❖ ❖ ❖

## נישט אנגעזעהן אויף אים קיין שינוי

(לומד בליקוטי מוהר"ן תניינא ס"ד:) "**מַה שֶּׁאָנוּ רוֹאִים, שֶׁכָּל הַנְּגִידִים הַגְּדוֹלִים, כִּמְעַט כֻּלָּם, הֵם מְשֻׁגָּעִים מַמָּשׁ כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִין בְּחוּשׁ, שֶׁכָּל מִי שֶׁהוּא עָשִׁיר, יֵשׁ לוֹ שִׁגָּעוֹן גָּדוֹל**". דער רבי כאפט אָן עשירים, אבער עס איז ביי יעדן איינעם - די געלט מאכט אים משוגע, ער בייט זיך איבער - ער ווערט איבערגעביטן.

"**דַע, כִּי הַמָּמוֹן עוֹשֶׂה אוֹתוֹ מְשֻׁגָּע, כִּי הַמָּמוֹן הוּא מִנְּפִילַת הָעֲשִׁירוּת שֶׁל הַנְּבִיאִים, כִּי 'כָל הַנְּבִיאִים הָיוּ עֲשִׁירִים'** (נדרים ל"ח)**, וְהַנְּבוּאָה כְּשֶׁבָּאָה עַל הַנָּבִיא, הָיָה כְּמוֹ מִשְׁתַּגֵּעַ**" - בשעת עס איז אנגעקומען א נבואה איז דער נביא צומישט

---

[ב] עיין עלים לתרופה במכתב ממוצ"ש שבת שירה אור ליום א' תקצ"ה: **בְּעֵת שֶׁהוּא הֶכְרֵחַ גָּדוֹל לְבַעֵר הַקּוֹצִים מִן הַכֶּרֶם שֶׁאִי אֶפְשָׁר בִּלְתִּי זֹאת, אָז הוּא מְבַעֵר אוֹתָם בְּמוֹעֲדָם וּבִזְמַנָּם.**

געווארן, עס איז אנגעקומען פלוצלינג א נבואה פון דעם אויבערשטן. "כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: "וַיִּתְנַבֵּא" - 'וְאִשְׁתַּטֵּי' (שמואל א, יח); וְאֵצֶל הַנְּגִידִים הַנַּ"ל נַעֲשָׂה עַל יְדֵי הַמָּמוֹן שִׁגָּעוֹן גָּמוּר, וְעַל כֵּן הֵם נַעֲשִׂים מְשֻׁגָּעִים עַל יְדֵי הָעֲשִׁירוּת שֶׁלָּהֶם".

עס דאכט זיך אונז ווי א געלעכטער, (אבער אזוי איז עס), א מענטש אז עס קומט אים אָן פלוצלונג א שפע - א גרויסע שפע, ווערט ער איבערגעביטן.

עפעס א שגעון קומט אים אָן - ער ווערט שוין מערער, ער האט שוין א דיעה צו זאגן, ער ווערט שוין אין כעס, ער מישט זיך שוין...

מען רעדט דאך, עס איז געוואָנדן וואספארא שפע; א קליינע שפע איז נאך גארנישט, אבער אז ער באקומט פלוצלונג א ירושה פון עפעס ארום הונדערט טויזנט דאלער - ווערט ער משוגע, ער ווערט איבערגעביטן אינגאנצן.

דער אויבערשטער זאל צושיקן שפע און מען זאל נישט ווערן משוגע.

דער נביא איז נאר געווארן 'נשתטה' בשעת עס איז אנגעקומען א נבואה - בשעת מעשה איז ער געווארן אזוי ווי 'נשתטה'. נישט יעדער איינער איז דאך ראוי מען זאל אים געבן נבואה.

עס שטייט אין זוהר הקדוש[ג], ביי משה רבינו איז נישט געווארן קיין שום שינוי. אפילו ביי פנחס'ן, זאגט דער מדרש[ד], עס האט אים אנגעהויבן ברענען דאס פנים, מען האט געזעהן - דאס פנים פלאקערט אים, מען האט געוואוסט - 'איצטער האט ער א נבואה פון דעם אויבערשטן'. אבער ביי משה רבינו איז נישט נשתנה געווארן דאס פנים - די שכינה האט מיט אים כסדר גערעדט!

---

[ג] עיין זוהר בלק קפז:

[ד] מדרש רבה פר' ויקרא א, א.

אַה, דאס גרויסקייט פון משה רבינו.

יעדער נביא, אז עס איז אים אנגעקומען א נבואה איז ער געווארן אזוי ווי נשתטה - אבער נאר לפי שעה, שפעטער איז עס געווארן אַן אמת'ע נבואה. איז דאך אפילו ביי א נביא אמת געווארן אויף אים (- איזה שינוי). אזוי אויך, אז עס גיט אים א קום אָן געלט, ווערט ער אזוי ווי משוגע. נאכדעם קען זיך עס איינשטילן, אבער דערווייל ווערט עס (- א שינוי).

(השואל: וואס האט עפעס ר' נחמן טולטשינער געזאגט אויף רבי נתן'ען?) רבי נתן האט אמאל נישט געהאט אויף שבת - און (פלוצלונג) איז אים אנגעקומען. האט ר' נחמן טולטשינער געזאגט אויף רבי נתן'ען: "מען האט נישט געזעהן קיין שום שינוי פון בשעת דער חסרון - ביז עס איז נתמלא געווארן דער חסרון; מען האט נאר געזעהן א שינוי אויפן פנים פון פאר א דאווענען ביז נאך א דאווענען!".

רבי נתן האט געהאט אַן אנדער פנים נאך א דאווענען! - דאס האט מען געזעהן א שינוי; אבער פון בשעת דער חסרון - ביז דער חסרון איז נתמלא געווארן, האט מען נישט געזעהן קיין שום שינוי.

איינמאל איז געווען א טאג פאר ערב פסח, ער האט נאך גארנישט געהאט אויף פסח. זי דארט - "דישל", פון דעם זיווג שני, האט נישט געקענט רעדן גארנישט (כי היתה מכבדו ביותר), נאר די טאכטער - זי פלעגט (קומען צום טאטן. האט זי געזאגט:) "טאטע, (מיר האבן נאך גארנישט אויף פסח!"). האט ער געזאגט: "דער אויבערשטער וועט העלפן, דער אויבערשטער וועט העלפן!".

נאכדעם איז פלוצלונג אריין פון א דארף לעבן ברסלב איינער פון רבי נתן'ס מענטשן, עס איז אים איינגעפאלן אויפן געדאנק - 'אפשר האט נאך נישט רבי נתן אויף פסח', האט ער אנגעפילט א פיר מיט אלעם - קארטאפלעס מיט אייער מיט שמאלץ מיט עופות מיט אלצדינג - און אריינגעבראכט צו רבי נתן'ען. האט רבי נתן

**דעמאלט געזאגט: "גלויב מיר, בשעת איך האב געזאגט 'גאט וועט העלפן' האב איך נישט אינזינען געהאט אים!"**[ה].

ר' נחמן טולטשינער האט דאס געזעהן, האט ער געזאגט: ער האט נישט געזעהן אויף אים קיין שום שינוי פון 'פריער' צו 'דעמאלט' - ער האט נישט דערקענט; נאכן דאווענען האט ער געזעהן א שינוי - עס איז אַן אנדער פנים געווען.

## מורא געהאט פון געלט...

(ר' משה: מען קען דאך אויסארבעטן אז מען זאל האבן 'תורה וגדולה' אויך?) **אז דער אויבערשטער גיט 'תורה וגדולה' און מען ווערט נישט משוגע - דאס איז זייער גוט. מען דארף גרויס רחמים אז דער אויבערשטער זאל געבן שפע און מען זאל נישט נשתנה ווערן.**

(ר' משה: עס איז געווען איינער וואס האט געזאגט: 'וואס האט מיר דער רבי געדארפט געבן דעם פעקל מיסט?!' דאכט זיך, ר' שמואל - ר' אבא'לעס טאטע, דער וואס דער רבי האט אים געגעבן א לעפל יויך!) **ווער זאגט דאס?** (הנ"ל: איך האב אזוי געהערט![ו])

ר' גרשון (דעם טירהאוויצער מגיד'ס אייניקל) **האט דער רבי אים געוואלט געבן** (עשירות), **האט ער נישט געוואלט נעמען. האט דער רבי אים געזאגט: "א גראשנדיג לעכטל וועט דאך דיר מבלבל זיין א שמונה עשרה!"**[ז]. **ער איז געווען א געוואלדיגער**

---

[ה] הובא בשיש"ק (חדש) ח"ב, אות קפ"ה.

[ו] עיין אוצר נחמינו אות ע"ב, שהתבטא: "**געוואלד, וואס האט דער רבי געוואלט פון מיר - איך זאל זיין א שומר אויף די טינופת?!**"; גם עיין מבועי הנחל גליון 46 עמוד מ"ג: ר' דוב משטעהרין ... מפעם לפעם ניגש לתיבה בה שמור כספו הרב וזעק בהשתוממות: "געוואלד, מה רצה מעמי הרבי - שאהיה שומר על תיבת זוהמא זאת?!"

[ז] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות כ"ט: מַה שֶׁאָמַר לְר' גֵּרְשׁוֹן זַ"ל "**אִיבֶּער אַ גְּרָאשִׁינְדִיג לִיכְטֶעל קָאן**

ארעמאן, און דער רבי האט אים געוואלט געבן שפע - און ער האט נישט געוואלט נעמען.

האט דער רבי אים געזאגט: 'עס וועט דאך דיר מבלבל זיין א גראשנדיג לעכטל א שמונה עשרה!'.

ער האט מורא געהאט - ער האט מורא געהאט פאר געלט, ער האט מורא געהאט ער זאל נישט ווערן משוגע...

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז, דער אויבערשטער זאל אונז געבן שפע מיט געזונטקייט, מיר זאלן האבן דעת - נישט ווערן משוגע.

❖

(חסר, מדברים מתורה רנ"ב:) **אז מען גיט מעשר, שטייט[ח]: "וּבְחָנוּנִי נָא בָּזֹאת", אבער אז מען גיט ווינציגער ווי מעשר גייט נישט אָן דער "ובחנוני נא בזאת". דא זאגט דער רבי[ט], אפילו מען גיט ווינציגער ווי מעשר - אויב איז דא אחדות, איז וויפיל מען גיט צדקה פעלט נישט!**

(ר' משה: דער רבי זאגט "וכן על ידי זה יכולים שיהיה להאדם מסירת נפש 'באמת', ואף על פי כן לא יזיק לו וישאר בחיים" - דאס מיינט דער רבי ממש אז ער איז זיך מוסר נפש ממש צו הריגה?)

---

**צוּ שְׁלָאגִין וֶוערְן אַ גַּאנְצֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה"** [עֲבוּר נֵר שָׁוֶה פְּרוּטָה עֲלוּלָה לִלְקוֹת כָּל תְּפִלַּת שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה] (שֶׁפַּעַם אַחַת בִּקֵּשׁ רַבֵּנוּ זַ"ל לִתֵּן לוֹ עֲשִׁירוּת וְלֹא רָצָה, וְאָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זַ"ל מִפְּנֵי מָה הֲלֹא בִּשְׁבִיל "אַגְרָשִׁין לִיכְטֶעל קָאן צוּ שְׁלָאגִין וֶוערִין אַגַאנְצֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה" כַּנַּ"ל **וְאַחַר כַּמָּה שָׁנִים נִתְקַיֵּם זֹאת** מֵחֲמַת עֲנִיּוּת וְכוּ' שֶׁפַּעַם אַחַת לְעֵת עֶרֶב וְהָיָה חֹשֶׁךְ בְּבֵיתוֹ וּבִקְּשׁוּ בְּנֵי בֵּיתוֹ מִמֶּנּוּ אַגְרָאשִׁין לִקְנוֹת נֵר וְלֹא הָיָה לוֹ, וְעַל יְדֵי זֶה נִתְבַּלְבֵּל לוֹ הַשְּׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה וְנִזְכַּר אָז שֶׁרַבֵּנוּ זַ"ל כִּוֵּן לוֹ מִכַּמָּה שָׁנִים מִקֹּדֶם) וּבָעֵת שֶׁנִּתְקַיֵּם זֹאת אַחַר כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים נִזְכַּר הָר' גֵּרְשׁוֹן שֶׁמְּכֻוָּן מַמָּשׁ כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה אָמַר לוֹ אַדְמוֹ"ר זַצַ"ל, שָׁמַעְתִּי כָּל זֶה מֵאָבִי הֲרֵינִי כַּפָּרַת מִשְׁכָּבוֹ שֶׁשָּׁמַע זֹאת מִפִּיו בְּעַצְמוֹ.

[ח] מלאכי ג, י.

[ט] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רנ"ב: כְּשֶׁיֵּשׁ אַחְדוּת בֵּין הַצַּדִּיקִים, אֵין הַצְּדָקָה מַזֶּקֶת כִּי עַל פִּי הַטֶּבַע כְּשֶׁנּוֹתְנִין צְדָקָה נֶחְסָר מֵאִתּוֹ מַה שֶּׁנָּתַן, אֲבָל עַל יְדֵי הָאַחְדוּת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים **יוּכַל לִתֵּן צְדָקָה וְלֹא יֶחְסַר כְּלָל, וְכֵן עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים שֶׁיִּהְיֶה לְהָאָדָם מְסִירַת נֶפֶשׁ בֶּאֱמֶת, וְאַף עַל פִּי כֵן לֹא יַזִּיק לוֹ וְיִשָּׁאֵר בַּחַיִּים.**

דער עיקר מסירת נפש איז - אונזערע לייט האבן געהאט ביים דאווענען מסירת נפש ממש! זיי האבן געהאט 'ממש מסירת נפש' ביים דאווענען - געדאווענט מיט אלע כוחות. אז מען דאווענט אמאל מיט אלע כוחות איז עס ממש מסירת נפש - יא, ער גיט אוועק די כוחות, מסירת נפש.

רבי נתן ברענגט דאך דארטן': **"איך האב געהערט פון דעם רבי'ן פאר א דבר פשוט אז מען דארף דאווענען במסירת נפש!"**.

די מסירת נפש – דאס שאדט נישט (- על ידי האחדות שבין הצדיקים).

❖ ❖ ❖

## "וּבַחֲבֻרָתוֹ נִרְפָּא לָנוּ"

(חסר, משוחחים ע"פ ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ו:) **"דער צדיק מוז טוהן תשובה פאר אלע אידן - בעד ישראל!"**. וואס מיינט דער רבי 'ער מוז טוהן תשובה בעד ישראל'? ווייזן ווייזט עס אויס, ער איז דאך דער יסוד פון דער וועלט, מוז ער דאך אויפהאלטן דער וועלט, און אז די וועלט איז דאך אזוי זינדיג, טוהט ער תשובה בעד ישראל, אזוי קען די וועלט האבן א קיום, אז נישט קען די וועלט נישט האבן קיין קיום.

דאס הייסט, ער איז דאך דער יסוד, ער מוז דאך אונטערהאלטן דער וועלט; ווי קען ער אונטערהאלטן דער וועלט? מוז ער אזוי פיל טוהן תשובה אז די וועלט זאל קענען האבן א קיום. די עונשים קען מען נישט מבטל זיין, אבער דאס אז די וועלט קען ווייטער האבן א קיום, די וועלט זאל נישט חרוב ווערן, עס זאל נישט זיין קיין מבול, עס זאל גיין רעגן - אין וועמענס זכות גייט רעגן? מוז מען אזוי זאגן, 'ער מוז טוהן תשובה'. ווארום גיין מיט זיי אזוי ווי מען דארף גיין - מיט שלעכטנס, קען מען

---

' ליקוטי מוהר"ן סי' פ': **וְכֵן שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁאָמַר זֹאת בְּתוֹךְ שִׂיחָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה לְדָבָר פָּשׁוּט שֶׁצְּרִיכִין לְהִתְפַּלֵּל בִּמְסִירַת נֶפֶשׁ.**

דאך נישט, "אם כן" – וואס זאל מען טוהן? מיט וואס האט די וועלט א קיום? מוז ער (תשובה טוהן בעד ישראל).

(ר' משה: דאס איז שייך לאחר הסתלקותו אויך?) מען רעדט דאך, דער כח פון דעם צדיק גייט דאך אויף שפעטער אויך.

(ר' משה: אבער דאס וואס ער טוהט תשובה איז שייך לאחר הסתלקותו אויך?) אוודאי, אוודאי, זיי ברענגען אריין הרהורי תשובה, און דער עיקר - מיט די תפילות זייערע[יא]. ער לאזט איבער זיינע כוחות אין זיינע מענטשן און אין זיינע ספרים.

(ר' משה: בכלל איז שווער די זאך, דאס הייסט, ער טוהט תשובה אויף זייערע עוונות?) אז עס ווערט א התגברות הקליפות רחמנא ליצלן, א התגברות הרע, א התגברות המזיקים, א התגברות הטומאות, צו וועמען איז עס נוגע? דאס איז דאך נאר נוגע צום צדיק, די אלע עונשים, די אלע דיבורים, דאס איז דאך אלץ נוגע צו אים - מוז ער דאך אזוי פיל טוהן תשובה אז מען זאל קענען אויסהאלטן.

וואס איז תשובה? תפילה צדקה; ער מוז אזוי פיל טוהן - אזוי פיל עוסק זיין אין תפילה אדער אין אנדערע תיקונים, וואס דאס ברענגט אריין תשובה, אז די וועלט זאל האבן א קיום, די וועלט זאל נישט חרוב ווערן.

אפילו די אלע זאכן דארטן - נאך מערער פון תפילה, איז ער אויף זיך מקבל; יסורים, "אָכֵן חֳלָיֵנוּ הוּא נָשָׂא", "וּבַחֲבֻרָתוֹ נִרְפָּא לָנוּ"[יב]. משיח ליידט פאר דער

---

[יא] עיין בעלים לתרופה במכתב מיום ה' שמיני תקצ"ט: וּבְוַדַּאי יִגְמֹר מַה שֶּׁהִתְחִיל **לַהֲקִיצֵנוּ מִשְּׁנָתֵנוּ** עַל יְדֵי כָּל פְּעֻלּוֹתָיו הַקְּדוֹשׁוֹת וְהַנּוֹרָאוֹת. **כִּי עֲדַיִן עוֹמֵד וּמִתְפַּלֵּל עָלֵינוּ עִם כָּל הַצַּדִּיקִים שׁוֹכְנֵי עָפָר**, אֲשֶׁר לוּלֵא זֹאת לֹא הָיוּ לָנוּ שׁוּם קִיּוּם כְּלָל, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ **אִלְמָלֵא תְּפִלּוֹת הַצַּדִּיקִים שֶׁמֵּתוּ עַל הַחַיִּים לֹא אִתְקַיֵּם עָלְמָא כְּרֶגַע.**

[יב] ישעי' נג, ה.

**גאנצער וועלט - אזוי האט די וועלט א קיום!** (ר' משה: איז דאס איז אויך א בחינה אז דער צדיק טוהט תשובה?) **יא!**

**"ובחבורתו נרפא לנו", דאס איז דאך אלץ דער ענין, אז נישט וואלט די וועלט קיין קיום נישט געהאט.**

**קומט אויס, ער מיט זיין קראנקייט, מיט זיינע איבערגייעכצער - אזוי ווי דער רבי האט געזאגט[יג]: ער האט אוועקגעגעבן די אשת נעורים, די קינדער - אלעס. און "עד הנה" - דאס התנגדות וואס איז דא אויף אים, מען איז מבזה דעם צדיק - דאס איז אלץ תשובה, עס ווערט אפגעטוהן געוואלדיגע תיקונים, דאס איז דער רחמנות אויף דער וועלט, דער קיום פון דער וועלט. דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז.**

❖ ❖ ❖

(לומד לקוטי מוהר"ן תניינא סימן ס"ה:) **"כְּשֶׁמְּקַנְּאִין קִנְאַת ה' צְבָאוֹת, נֶחֱשָׁב כְּמוֹ צְדָקָה", כאטש ער איז דאך מקנא - טוהט ער דאך גאר 'עונשים' מיט דעם - איז דאס גלייך אזוי ווי צדקה.**

**"כְּמוֹ שֶׁכָּתְבוּ הַתּוֹסָפוֹת בְּפֶרֶק הַשֻּׁתָּפִין, עַל מַה שֶּׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (בבא בתרא י:)**: "צְדָקָה תְּרוֹמֵם גּוֹי" - 'אֵלּוּ יִשְׂרָאֵל', "וְחֶסֶד לְאֻמִּים חַטָּאת" - 'אֵלּוּ הָעַכּוּ"ם', שֶׁכָּל חֶסֶד שֶׁעוֹשִׂין וְכוּ'. וְהֵבִיאוּ רְאָיָה מִנְּבוּזַרְאֲדָן, עַיֵּן שָׁם".**

[יג] עיין חיי מוהר"ן, אות של"ה: פַּעַם אַחַת דִּבֵּר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עִם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ וְאָמַר לָהֶם, הֲלֹא כָּל הַנַּחַת רוּחַ וְהַתַּעֲנוּג שֶׁלִּי הוּא רַק כְּשֶׁאֲנִי רוֹאֶה אֵיזֶה דִּבְרֵי יַהֲדוּת וַעֲבוֹדַת ה' בְּאֶחָד מֵאֲנָשַׁי, **הֲלֹא הִפְקַרְתִּי אֶת עַצְמִי וְאִשְׁתִּי וּבָנַי הַיְקָרִים, וְרַק בִּשְׁבִיל זֶה.** ועיין במכתב שכתב רביז"ל בזאסלאב תקס"ז, וזל"ש בא"ד: בְּכֵן שְׁאֵלָתִי וּבַקָּשָׁתִי מִכֶּם שֶׁלֹּא יִהְיֶה לָרִיק יְגִיעִי שֶׁיָּגַעְתִּי עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד וְשַׂמְתִּי אֶת נַפְשִׁי בְּכַפִּי בִּשְׁבִיל טוֹבַת נַפְשְׁכֶם. ה' הַצַּדִּיק וַאֲנִי הִרְשַׁעְתִּי, וּמַעֲשַׂי גָּרְמוּ לִי **הַיִּסּוּרִים וּמִיתַת הַבָּנִים הַמְסֻלָּאִים, וְהַמַּחֲלֹקֶת וְהַקִּטְרוּגִים. אַף עַל פִּי כֵן יָדַעְתִּי גַּם יָדַעְתִּי שֶׁגַּם הָעֵסֶק שֶׁעָסַקְתִּי עִמָּכֶם לְהוֹצִיא אֶתְכֶם מִשִּׁנֵּי הַס"מ, עַל כָּל אֵלֶּה עֵינָיו לָטַשׁ וְשִׁנָּיו חָרַק עָלַי.** וּבְכֵן אֲהוּבַי אַחַי וְרֵעַי חִזְקוּ וְאִמְצוּ בְּיִרְאַת ה' כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי כֹּחוֹ וּבְחִינָתוֹ. וְלֹא יִהְיֶה לָרִיק יְגִיעִי. וְשִׁמְרוּ תּוֹרַת מֹשֶׁה עֶבֶד ה' כַּאֲשֶׁר לִמַּדְתִּי אֶתְכֶם.

וואספארא חסד האט נבוזראדן געטוהן? ער האט דאך אזוי פיל אידן אויסגע׳הרג׳עט? זאגט תוספות דארטן, נבוזראדן האט געטוהן צדקה, "שֶׁקִּנֵּא לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא"; דאס הייסט, ער האט געטוהן ׳חסד׳. "נִמְצָא שֶׁקִּנְאַת ה׳ צְבָאוֹת הוּא כְּמוֹ צְדָקָה".

טאקע נאכדעם האט ער זיך מגייר געווען[יד]. דאכט זיך אז שמעיה ואבטליון קומען ארוים פון נבוזראדן - גרויסע צדיקים קומען ארוים פון אים[טו].

❖ ❖ ❖

## ווער וועט וועמען באזיגן?!

(לומד ליקוטי מוהר"ן תניינא סימן ס"ו:) זאגט דער רבי: "הַצַּדִּיק הוּא מֻכְרָח לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה בְּעַד יִשְׂרָאֵל. דהיינו, אז איינער גייט ארוים חוץ לשורה און ער איז פורק עול, אֲזַי הַצַּדִּיק מֻכְרָח לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה בִּשְׁבִילוֹ".

וואס מיינט דער רבי דא? אריינברענגען אין אים הרהורי תשובה, אדער ער אליין זאל טוהן תשובה? דער צדיק מוז טוהן תשובה ׳בעד ישראל׳ - און זיי? אויב דער רבי זאגט אז ער ברענגט אריין אין זיי הרהורי תשובה - טוהען זיי דאך אליין תשובה? נאר, דער צדיק ער איז דאך דער יסוד פון דער וועלט, ער איז דאך דער קיום פון דער וועלט, איז אז די וועלט איז זינדיג – אויף וואס האלט זיך דער וועלט? מוז ער אזוי פיל טוהן תשובה אז ער זאל דערהאלטן דער וועלט אז די וועלט זאל האבן א קיום.

זאל ער זיי מעניש זיין? דער עונש איז דאך אים אליין נוגע - "גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב"[טז], "אם-כן" וואס איז דער קיום פון דער וועלט? ווי קען זיך האלטן די

---

[יד] עיין גיטין נז:

[טו] גמ׳ שם.

[טז] משלי יז, כו.

**וועלט? מוז ער אזוי פיל טוהן תשובה אז זיין תשובה זאל מספיק זיין אויף אלעמען אז די וועלט זאל קענען האבן א קיום![יז]**

**עס שטייט טאקע אין מדרש[יח]: דער אויבערשטער האט געזאגט דארטן - 'איך וועל שיקן א מלאך!' זאגט משה - 'ניין, נאר דו אליין!' האט משה געזאגט, 'נו, דו זאגסט א מלאך, לאמיר זעהן ווער עס וועט אויספירן - איך צו דו!' - אזוי איז דא א מדרש מיט דעם לשון.**

**זאגט דער אויבערשטער: 'דו האסט אויסגעפירט, איך וועל אליין גיין!'.**

**דער צדיק האט עפעס אזא מין כח אז ער קען אזוי פיל טוהן תשובה, אז ער פירט אוים, ער האלט אונטער דער וועלט!**

(השואל: ווער טוהט תשובה?) **דער צדיק טוהט תשובה; ער איז מקבל אויף זיך אלע עונשים, "אָכֵן חֳלָיֵנוּ הוּא נָשָׂא", "וּבַחֲבֻרָתוֹ נִרְפָּא לָנוּ" - אלע עונשים וואס דארפן קומען אויף דער וועלט נעמט ער אויף זיך, אלע קראנקייטן מיט אלע מיני איבערגייעכצער נעמט ער אלץ אויף זיך; די מעשים טובים זיינע וואס ער טוהט אזוי פיל און די עבודות וואס ער איז אויף זיך מקבל - דאס איז דער קיום פון דער וועלט.**

**אז דער צדיק איז דער יסוד פון דער וועלט מוז ער דאך אונטערהאלטן דער וועלט אין אלע צייטן. עס שטייט[יט]: "וַיֹּאמֶר לְהַשְׁמִידָם לוּלֵי מֹשֶׁה בְחִירוֹ"; עס איז**

---

[יז] עיין חיי מוהר"ן, אות ד"ש: שָׁמַעְתִּי בְּלִיפֶּוִויץ שֶׁהָיָה מְדַבֵּר עִם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ דְּשָׁם וְאָמַר מָה אַתֶּם יְכוֹלִים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, וְכִי מַסְפִּיקִים יְמֵיכֶם וְכֹחֲכֶם כֻּלְּכֶם לְתַקֵּן פְּגַם אֶחָד מִמַּה שֶּׁקִּלְקַלְתֶּם. **רַק אֲנִי עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה בִּשְׁבִילְכֶם**, וְיֵשׁ לְאֵל יָדִי לְתַקֵּן הַכֹּל כָּל מַה שֶּׁקִּלְקַלְתֶּם עַד הֵנָּה, רַק הָעִקָּר מֵעַתָּה לֹא תַעֲשׂוּ עוֹד. וַאֲפִלּוּ מֵהַיּוֹם וָהָלְאָה אֵינִי מַקְפִּיד עַל הַשְּׁגָגוֹת שֶׁתַּעַבְרוּ חַס וְשָׁלוֹם, רַק הָעִקָּר שֶׁעַל כָּל פָּנִים תִּשְׁמְרוּ עַצְמְכֶם מִמֵּזִיד וְעוֹד דִּבֵּר מִזֶּה הַרְבֵּה.

[יח] עיין מדרש רבה משפטים פר' ל"ב פס' ח'

[יט] תהלים קו, כג.

געקומען "משה בחירו" און ער האט אונטערגעהאלטן. איי עס איז געבליבן דער "וּבְיוֹם פָּקְדִי וּפָקַדְתִּי"[כ]? אבער דער "להשמידם" איז דאך נישט געווען.

(ר' משה: דאס אז ער האט געבעטן פאר זיי - דאס הייסט תשובה?) **תשובה הייסט, אז ער נעמט אויף זיך אלץ כדי די וועלט זאל האבן א קיום! "אכן חליינו הוא נשא", "ובחבורתו נרפא לנו" - ער נעמט אויף זיך אלץ.**

מען קען דאך נישט חרוב מאכן דער וועלט, עס איז דאך נוגע צו אים אליין, און אים אפלאזן אזוי - קען ער דאך אויך נישט. דער רבי זאגט דאך א משל פון א סוס - פון א ווילדער פערד, א משוגע'נער פערד, ער טוהט צרות, ער ברעכט, ער האקט - וואס זאל מען טוהן מיט אים? זאל ער אים שלאגן? דער רבי וועט ווייטער ארומרעדן.

די עונשים פון דער גאנצער וועלט נעמט ער אויף זיך - אט דאס הייסט אז ער טוהט תשובה! ער טוהט אזוי פיל מעשים טובים, אזוי פיל עבודות, אז דאס איז מספיק פאר דער וועלט אז די וועלט זאל קענען האבן א קיום.

איך געדענק נאך אז אין אומאן האט מען תמיד גערעדט דערפון, איז אויסגעקומען אז מען האט נישט קיין אנדער פשט צו זאגן - (נאר אזוי).

## אינגאנצן אנטלאפן...

"עַל פִּי מָשָׁל, שֶׁפַּעַם אֶחָד נָסְעוּ שְׁנֵי בְּנֵי אָדָם עִם סוּס מְבֹהָל וּמְשֻׁגָּע". דער רבי רופט אָן א 'פורק עול' - 'א משוגע'נער פערד'; אזוי איז עס, אז מען גייט אוועק פון דער תורה איז מען א 'סוס מבוהל ומשוגע'.

---

[כ] שמות לב, לד. וברש"י שם: עתה שמעתי אליך מלכלותם יחד ותמיד תמיד כשאפקוד עליהם עונותיהם ופקדתי עליהם מעט מן העון הזה עם שאר העונות ואין פורענות באה על ישראל שאין בה קצת מפרעון עון העגל

"וְנָשָׂא אוֹתָם הַסּוּס וְהִשְׁלִיכָם מִן הָעֲגָלָה" - ער האט זיי אראפגעווארפן פונעם וואגן. אז איינער זינדיגט איז דאך אויך אזוי; ווער פילט דעם צער? נאר די צדיקים - נאר זיי פילן דעם צער.

דער רבי רעדט דאך אין דעם משל, די מענטשן זענען געפארן מיט דעם סוס, די מענטשן זענען דאך געווען ערליכע מענטשן, צדיקים, און דער סוס האט זיי אראפגעווארפן פון דעם וואגן, ער האט זיי אנגעטוהן צרות; די אלע ווילדקייטן פונעם סוס איז אלץ נוגע צום צדיק - ער ליידט דערפון.

"וְעָמַד אֶחָד וְהִתְחִיל לְהַכּוֹת אֶת הַסּוּס בְּאֶגְרוֹף, וְהִכָּה אוֹתוֹ הַרְבֵּה" - ער האט אים אסאך געשלאגן.

האט דער אנדערער פון אים געלאכט - "וְשָׂחַק מִמֶּנּוּ הַשֵּׁנִי, וְאָמַר לוֹ: הֲלֹא אַתָּה מַכֶּה אֶת יָדְךָ" - דו שלאגסט זיך! דער צדיק אז ער גיט א קלאפ יענעם, פילט ער אליין דעם קלאפ. "וּמַה תּוֹעִיל לְהַסּוּס הַכָּאָה זוֹ?". נאר וואס דען, דו דארפסט נעמען א רצועה - "רַק אַתָּה צָרִיךְ לִקַּח רְצוּעָה, שֶׁמַּכִּין בָּהּ הַסּוּסִים, לְהַכּוֹת אוֹתוֹ. וְהָלַךְ וְעָשָׂה כֵּן, וְלָקַח רְצוּעָה וְהִתְחִיל לְהַכּוֹת אֶת הַסּוּס. וְעָמַד הַסּוּס וְרָץ בְּבֶהָלָה גְּדוֹלָה, וּבָרַח וְנָשָׂא אוֹתָם וְהִשְׁלִיךְ אוֹתָם לְתוֹךְ רֶפֶשׁ וָטִיט".

אז מען גייט אמאל מיט שטארקייט צו שטארק, ווערט יענער נאך ערגער, נאך מער משוגע, "וְהַסּוּס בָּרַח לוֹ לְהַלָּן" - מער אנטלאפן, מער געווארן דערווייטערט. "נִמְצָא, שֶׁגַּם זֶה אֵינוֹ עֵצָה טוֹבָה".

איינער פון אונגארן האט מיר דערציילט - ער האט געקענט דעם מענטשן - עס איז געזעצן א טאטע פרייטאג צונאכטס ביים טיש. איז געווען איין אזא שלעכט קינד וואס ער האט נישט געוואלט זינגען קיין זמירות, ער האט ארומגעלאכט, האט אים דער טאטע גוט אנגעפאטשט, איז ער אוועק אינדערפרי - און ביינאכט האט ער זיך גע'שמד'ט...

פונקט אזוי זאגט דער רבי דא, ער האט אים אנגעשלאגן שטארק, איז ער אנטלאפן ווייט - שוין אנטלאפן. קומט אויס, דאס איז אויך נישט קיין עצה.

דער רבי גיט א משל, 'ער איז אנטלאפן'; וואס הייסט אנטלאפן? אינגאנצן ארויס פון אידישקייט. 'נמצא שגם זה אינו עצה טובה'.

## אוועקגעפארן שטודירן קיין אָדעס

"וְיָעֲצוּ אוֹתוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה כָּךְ; שֶׁיִּקַּח חֶבֶל יָפֶה, וְיִקְשֹׁר אֶת הַסּוּס לְאֵיזֶה אִילָן, וְיַכֶּה אוֹתוֹ הַרְבֵּה, וּבָזֶה יְלַמְּדוֹ לְהֵיטִיב. וְעָשָׂה כָּךְ, וְהִכָּה הַסּוּס הַרְבֵּה וְנִתְיַגַּע. וְרָאָה שֶׁגַּם זֶה אֵינוֹ עֵצָה טוֹבָה, כִּי אֵינוֹ כְּדַאי הַסּוּס כֻּלּוֹ בְּעַד הַיְגִיעָה וְהַקֹּצֶר רוּחַ, שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַל יְדֵי הַהַכָּאָה, וְאֵין תַּקָּנָה לְסוּס כָּזֶה רַק לִירוֹת אוֹתוֹ עַל יְדֵי קְנֵי שְׂרֵפָה" - דאס הייסט, אים מעניש זיין. "וְזֶה צַר לוֹ" - דאס טוהט אים באנק, פארוואס זאל ער אזוי טוהן?!

רבי נפתלי האט געהאט צוויי זין, ר' אפרים - א צדיק ולמדן, און נאך איינעם, וואס יענער איז געווען נישט 'אזוי'... יענער איז אוועקגעפארן קיין אָדעס שטודירן. רבי נפתלי האט דאס נישט געוואלט לײדן, האט ער אים מעניש געווען און יענער איז געשטארבן. האט אים רבי נתן פאָרגעהאלטן פארוואס ער האט אזוי געטוהן, ער וואלט געדארפט בעטן גאט פאר אים.

ער איז געווען א קפדן - רבי נפתלי, ער איז געווען א צדיק - א קלייניקייט?! ער האט געהאט א געוואלדיגער ווייטאג דערפון. אמאל איז געווען דער אָרט פון די אפיקורסים אין אָדעס, דארטן זענען געווען די שולעס. איז ער אוועק שטודירן, האט ער אים מעניש געווען, ער האט אים גע'פטר'ט אינגאנצן.

רבי נתן האט אים פארגעהאלטן: **פארוואס האסטו אזוי געטוהן?!"**[כא] - וואס האט ער דא געטוהן? ער וואלט געקענט אוועקלייגן תפילות מיט צעקות ער זאל ווערן א בעל תשובה!

**"כָּךְ כְּשֶׁאֶחָד יוֹצֵא לַחוּץ, וְאֵינוֹ מִתְנַהֵג כַּשּׁוּרָה אֵין יְכוֹלִין לִמְצֹא עֵצָה מַה לַּעֲשׂוֹת לוֹ. כִּי הָיָה אֶפְשָׁר לְהַעֲנִישׁ אוֹתוֹ בְּעַצְמוֹ אוֹ עַל יְדֵי שָׁלִיחַ אוֹ בְּאֹפֶן אַחֵר, אַךְ כָּל הָעֳנָשִׁים הֵם נוֹגְעִים לְהַצַּדִּיק בְּעַצְמוֹ".**

די שכינה הקדושה קלאגט[כב]: **"קַלַּנִי מֵרֹאשִׁי, קַלַּנִי מִזְּרוֹעִי!"** די שכינה קלאגט דאך אויף יעדן איינעם - אפילו אויף די 'ארבע מיתות בית דין', זי איז זיך מצטער אויף 'דמם של רשעים'.

## "ר' אפרים לאזט מיר נישט שלאפן!"...

דערפאר מוז זיין אז בשעת רוב וועלט איז אזוי (פורק עול), **איז די וואס זענען מאמינים אינעם אויבערשטן מוזן טאקע זיין שטארקער און טוהן מער עבודות אז די וועלט זאל האבן א קיום.**

מען זאגט טאקע, בשעת ר' אפרים איז נפטר געווארן און מען איז געגאנגען אויף דער לויה, האט געזאגט דער טשעהרינער רב: **"וואו נעמט מען אזא מין ארבעטער?! - ער איז געווען א גוטער ארבעטער!"**

---

[כא] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות תשצ"ז.

[כב] משנה סנהדרין פ"ו, מ"ה: אָמַר רַבִּי מֵאִיר, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מִצְטַעֵר, (שְׁכִינָה) מָה הַלָּשׁוֹן אוֹמֶרֶת (כִּבְיָכוֹל)? **קַלַּנִי מֵרֹאשִׁי, קַלַּנִי מִזְּרוֹעִי**. אִם כֵּן הַמָּקוֹם מִצְטַעֵר עַל **דָּמָם שֶׁל רְשָׁעִים שֶׁנִּשְׁפָּךְ**, קַל וָחֹמֶר עַל דָּמָם שֶׁל צַדִּיקִים. [עיין שם שמדובר שָׁמָּה מהרוגי בי"ד].

ער האט געשעדט פון די "יריעות", פון די "פרענדזן"[כג].

'וואו נעמט מען אזא מין ארבעטער?!' עס פעלט דאך אַן ארבעטער - א גוטער ארבעטער איז דאך אוועקגעגאנגען, ווער כאפט זיך אונטער אויף זיין ארט צו טוהן זיין ארבעט?!

ער איז נפטר געווארן ערב סוכות. די נאכט פון סוכות האט דער טשעהרינער רב נישט געקענט שלאפן א גאנצע נאכט, (אמר:) "ר' אפרים לאזט מיר נישט שלאפן!".

א צדיק פילט, ער האט געוואוסט ווער ר' אפרים איז געווען - זיין עבודה...

פון צוועלף ביז צוועלף האט ער געארבעט אלע טאג - געדינט דעם אויבערשטן, געוואלד, געוואלד! צוועלף שעה אויסגעארבעט, איז ער דאך געווען עפעס א כלי.

'וואו נעמט מען זיין ארבעט?! עס פעלט דאך אַן ארבעטער דא'.

(השואל: וואו ליגט ר' אפרים?) אין טשעהרין.

ווען איך בין געווען אין טשעהרין האט מען מיר דערציילט דארטן אז ווען ר' אפרים איז נפטר געווארן איז נישט לאנג פאר דעם דעמאלט נפטר געווארן עפעס איינער דעם רב'ס א זון - נישט ביי דעם טשעהרינער רב, נאר עפעס א רב - זיין זון א יונגערמאן איז נפטר געווארן יונגערהייט.

---

[כג] עיין שיש"ק ח"ג, אות ת"ב: כְּשֶׁנִּפְטַר רַבִּי אֶפְרַיִם, בֶּן רַבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אָמַר הָרַב מִטְשֶׁערִין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּצַעַר: "נִסְתַּלֵּק כָּעֵת פּוֹעֵל שֶׁעָבַד טוֹב מֵאַיִן לוֹקְחִים שׁוּב פּוֹעֵל טוֹב כָּזֶה"? וְאָמַר עוֹד, שֶׁמּוּבָא מֵהָאֲרִ"י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁהַצַּדִּיקִים בּוֹנִים אֶת הַמִּשְׁכָּן וּכְשֶׁתִּגָּמֵר בְּנִיָּתוֹ, תָּבוֹא הַגְּאֻלָּה, וְעַתָּה כְּבָר נִגְמְרָה מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן, וְרַק יֵשׁ לִתְפֹּר אֶת הַתְּפִירוֹת הָאַחֲרוֹנוֹת שֶׁבַּכְּפָלִים שֶׁבַּיְרִיעוֹת וּבִגְדֵי הַמִּשְׁכָּן, "**די פְּרֶענְדְזְן**", וְזוֹ עֲבוֹדָה עֲדִינָה מְאֹד. וְסִיֵּם וְאָמַר: וְהוּא, רַבִּי אֶפְרַיִם, בַּעֲבוֹדַת ה' שֶׁעָבַד יָדַע הֵיטֵב לְתָפְרָם, וְעַתָּה נִסְתַּלֵּק וּמִי יְקַבֵּל עַל עַצְמוֹ כָּעֵת לַעֲבוֹד עֲבוֹדָה זוֹג "**אוּן דָאס אִיז זַייעֶר אַ אֵיידְלֶע אַרְבֶּעט, אוּן ר' אֶפְרַיִם הָאט דָאס גִיקָאנְט, וֶוער וֶועט זִיךְ אִיצְט אוּנְטֶער נֶעמֶען צוּ טָאן דִי אַרְבֶּעט?!**".

האט ר' אפרים א זאג געגעבן: "איך זעה שוין אז איך דארף נסתלק ווערן; איר קענט דאך אפשר טראכטן צו לייגן מיר לעבן דעם יונגערמאן" - א חשובער יונגערמאן דארטן. האט מען אים געענטפערט: "מען טראכט אזוי!" (האט ער געזאגט:) "ניין ניין, נאר דער וואס עס איז געווען אין אומאן ראש השנה – ווער ער איז!".

'ווער ער איז - נאר דער וואס איז געווען אין אומאן ראש השנה!'

דעמאלט איז פונקט נישט געווען קיינער, האט מען אים געלייגט לעבן א פראסטן מענטש (מאנ"ש). נאכדעם אז ר' פנחס יהושע איז נפטר געווארן שפעטער, ליגט ער שוין לעבן ר' אפרים'ען פון דער אנדער זייט. אבער בשעת ר' אפרים איז נפטר געווארן איז געווען דארט נאר א פראסטער מענטש - אבער ער איז געווען אין אומאן ראש השנה.

'ווער ער איז, אבי ער איז געווען אין אומאן ראש השנה'.

❖

## "גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב"

דער אמת'ער צדיק ווייסט דאך ווער עס האלט אונטער דער וועלט און ווער עס איז דער קיום פון דער וועלט, ער ווייסט דאך יעדן איינעמ'ס עבודה, איז אז די וועלט איז אזוי (ווייט), ווי קען די וועלט האבן א קיום? מוז ער אזוי פיל טוהן תשובה, אזוי פיל זיך מקבל זיין די אלע עונשים, כדי די וועלט זאל האבן א קיום - ער איז דאך אַן אוהב ישראל.

"אַךְ כָּל הָעֳנָשִׁים הֵם נוֹגְעִים לְהַצַּדִּיק בְּעַצְמוֹ. כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ אֵצֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, 'שֶׁבְּכָל צָרָתָם לוֹ צָר' (ישעי' ס"ג), כִּי הֵם חֵלֶק אֱלוֹ"קַ מִמַּעַל, וְעַל כֵּן כְּשֶׁיֵּשׁ לָהֶם צָרָה, חַס וְשָׁלוֹם, לוֹ צַר כִּבְיָכוֹל; כְּמוֹ כֵן אֵצֶל הַצַּדִּיק גַּם כֵּן, 'כִּי גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב' (משלי י"ז), כִּי הָעֹנֶשׁ שֶׁמַּעֲנִישׁ אֶת אֶחָד, הוּא נוֹגֵעַ לְהַצַּדִּיק בְּעַצְמוֹ".

אזוי פלעגט מען תמיד לערנען אין אומאן דעם פשט: ער קען יענעם נישט מעניש זיין, ווייל וואס מען וועט אלץ טוהן וועט נישט העלפן, אזוי ווי דער רבי רעכנט אויס אויף דעם משוגע'נעם פערד. איז וואס זאל ער טוהן? מוז ער אזוי פיל תשובה טוהן אונטערצוהאלטן דער וועלט.

און ווער שמועסט טאקע - איצטער, דער אויבערשטער זאל העלפן, רוב זענען דאך נעבאך - - רובא דרובא איז דאך אזוי ווי עס איז... איז וואס איז דער קיום פון דער וועלט? 'מעניש זיין' 'שעלטן' - דאס טאר מען נישט, וואס'זשע דען? דארף יעדער איינער וואס האלט זיך אין דעם אויבערשטן, וויסן, איצטער איז א זמן וואס מען דארף מער טוהן אין אידישקייט, ממילא וועט (די וועלט האבן א קיום).

דער עיקר איז דאך טאקע דער צדיק - ער איז דער עיקר, דארף ער אזוי פיל טוהן, ווייל די וועלט מוז האבן א קיום. איין גוטער ארבעטער שטייט פאר טויזנט אנדערע. דער צדיק - ער איז דער קיום פון דער וועלט. וואס דען הייסט 'יסוד העולם'? וואס דען מיינט מען אז 'ער איז דער יסוד פון דער וועלט'? נאר אז ער איז טאקע דער 'קיום' פון דער וועלט, דורך אים האט די וועלט א קיום.

אז עס איז דא נאך א שַׂר איז אים גרינגער, אבער אז נישט, דארף ער אזוי פיל טוהן תשובה און אזוי פיל אויף זיך מקבל זיין אז די וועלט זאל קענען האבן א קיום.

"כִּי הָאָדָם נִתְהַוֶּה מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת: אֵשׁ, רוּחַ, מַיִם, עָפָר. וְכָל אֵלּוּ הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת נִמְשָׁכִין מִיסוֹד הַפָּשׁוּט, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַצַּדִּיק, בְּחִינַת (משלי י): 'צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם'. שֶׁהַצַּדִּיק הוּא בְּחִינַת יְסוֹד הַפָּשׁוּט, שֶׁמִּמֶּנּוּ נִמְשָׁכִין כָּל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת".

עס איז א פלא'דיגע זאך, די וועלט איז דאך (צוזאמגעשטעלט) פון ארבעה יסודות, אבער עס איז דא א 'יסוד הפשוט' וואס פון דארט נעמען זיך די ארבעה יסודות, און דער צדיק - ער איז דער יסוד הפשוט.

"בְּבְחִינַת (בראשית ב): 'וְנָהָר יֹצֵא מֵעֵדֶן'". 'נהר' איז טאקע א מין לעכטיגקייט[כד]; א 'נהר' גייט ארויס פון דעם 'עדן' "לְהַשְׁקוֹת אֶת הַגָּן"; עס איז דא איינער וואס "וּמִשָּׁם יִפָּרֵד וְהָיָה לְאַרְבָּעָה רָאשִׁים"; פון דעם 'עדן' גייט ארויס אזא מין סארט לעכטיגקייט, אזא מין 'אור', און דאס איז דער יסוד פון דער גאנצער וועלט, און נאכדעם ווערט שוין פון דעם 'ארבעה ראשים'.

"'נָהָר יֹצֵא מֵעֵדֶן' זֶה בְּחִינַת 'צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם', בְּחִינַת יְסוֹד הַפָּשׁוּט, אֲשֶׁר 'מִשָּׁם יִפָּרֵד' הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינַת אַרְבָּעָה רָאשִׁים כַּנַּ"ל. נִמְצָא שֶׁכֻּלָּם נִמְשָׁכִין מֵהַצַּדִּיק, וְעַל כֵּן אִם הוּא מַעֲנִישׁ אֶת אֶחָד, נוֹגֵעַ אֶת הַצַּדִּיק בְּעַצְמוֹ, וְעַל כֵּן: 'גַּם עֲנוֹשׁ לַצַּדִּיק לֹא טוֹב' כַּנַּ"ל".

זיי נעמען זיך דאך פון אים, ער איז דאך דער יסוד זייערער. דער רבי גיט דא צו פארשטיין: פארוואס איז 'ענוש לצדיק לא טוב'? ווייל זיי נעמען זיך דאך פון אים, אזוי ווי קינדער פון א טאטן; פון אים גייען ארויס די ארבעה יסודות - איז דאך עס אים אליין, עס איז נוגע צו אים אליין.

דאס אייגענע איז, א טאטע מיט קינדער; אז א טאטע האט א שלעכט קינד - מען האט פריער גערעדט פון רבי נפתלי'ן - וואס זאל דער טאטע טוהן? דארף ער מרבה זיין בתפילה והתבודדות מיט בכיות, און מתנות געבן פאר דעם קינד. אבער נעמען דעם קינד און מעניש זיין, אדער נעמען א קינד און אזוי שלאגן אז דאס קינד זאל ווערן א קאליקער, דאס איז דאך נישט קיין זאך, ער וועט אים מאכן פאר א קאליקער; אז ער איז נאכנישט קיין בעל תשובה - זאל ער ווערן א קאליקער? ער דארף דאך זיין געזונט אז ער זאל תשובה טוהן! - דאס איז קיין וועג נישט.

[כד] עיין רמב"ן בראשית מא, א: "כי יאור ונהר לשון אחד, ושניהם לשון אורה - וכן הגשם נקרא אור, שנאמר (איוב לו ל) הן פרש עליו אורו, יפיץ ענן אורו (שם לז יא), וכמו שאמר רבי יוחנן (ב"ר כו ז) כל אורה האמורה באליהוא בירידת גשמים הכתוב מדבר ואולי בעבור שהגשמים בסיבת המאורות, והנהרות יעשו מהם יתיחסו אל האבות". גם עיין רבנו בחיי על בראשית ב, ט: "**ונהר מלשון תרגום אור נהורא**, והוא האור הבא מאין סוף, זהו שפירש מעדן שפירושו מסרת עד שאין משם ואילך גבול והשגה שיאמר בו עד מקום פלוני".

עס ליגט טאקע א חוב אויף א טאטן וואס האט אזא קינד, אז ער זאל וויסן אז דארף ער אסאך איינלייגן די וועלט מיט תפילות און צעקות און געשרייען!

זעהט מען דאך אלץ, דער אמת'ער צדיק איז אזא מין רחמן, דער צדיק איז דער יסוד פון דער גאנצער וועלט, ער קען נישט מעניש זיין דער וועלט, אז ער איז מעניש איז ער מעניש זיך אליין, איז וועלכעס איז דאס קיום פון דער וועלט? מוז ער תשובה טוהן פאר דער גאנצער וועלט!

דער רבי ברענגט דאך אין דער תורה פון "אלדד ומידד"[כה], אז דער אויבערשטער האט געזעהן קודם הבריאה אז עס וועלן זיין צדיקים, איז "עידן וקישט את עצמו" - ער האט זיך מעֲדן געווען! אט דאס איז דער קיום פון דער וועלט, דערפאר האט ער באשאפן דער וועלט; וויבאלד דער אויבערשטער האט געזעהן אז ער וועט האבן צדיקים וואס וועלן אים בעטן, האט ער זיך מעדן געווען מיט זיי נאך פאר דער בריאה, און דאס איז דער קיום פון דער וועלט.

דא איז אויך דאס אייגענע; אז דער צדיק זעהט אז די וועלט איז 'אזוי', מוז ער ארויסגעבן אזוי פיל נחת רוח פארן אויבערשטן און טוהן אזעלכע זאכן, וואס פארדעם איז דעם אויבערשטן כדאי, וואס אז ער האט אזא מין צדיק קען ער האלטן די וועלט.

## "פאר א נויט בין איך אליין געגוג!"

(השואל: אז דער צווייטער טוהט גארנישט ווי קען דער צדיק תשובה טוהן פאר א צווייטן?) ער טוהט תשובה פאר דער גאנצער וועלט. איך רעד נישט אז ער ברענגט אריין הרהורי תשובה אין דער וועלט אריין. דער רבי גיט דאך א משל פון א משוגע'נעם פערד, איז דאך פשט אז דאס פערד העלפט נישט, קען מען דאך נישט זאגן אז דאס מיינט

---

[כה] ליקוטי מוהר"ן סי' צ"ז: כִּי קֹדֶם בְּרִיאַת הָעוֹלָם, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִדֵּן וְקִשֵּׁט אֶת עַצְמוֹ בִּתְפִלָּתָן וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים שֶׁל צַדִּיקִים, שֶׁצָּפָה שֶׁיִּהְיוּ צַדִּיקִים, שֶׁעַל יְדֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים שֶׁלָּהֶם יִמְשְׁלוּ בִּתְפִלָּתָם, וְיִפְעֲלוּ כָּל מַה שֶּׁיִּרְצוּ, עַל דֶּרֶךְ: "צַדִּיק מוֹשֵׁל יִרְאַת אֱלֹקִים" (שמואל-ב כ"ג).

אז ער מאכט זיי פאר בעלי תשובות, ווייל דעמאלט ווערט דאך דער פערד א גוטער פערד - און דער רבי גיט דאך א משל אז דער פערד טויג נישט און וואס זאל ער טוהן? מעניש זיין יענעם - נישט, וועט ער אנטלויפן, וועט ער ווערן ערגער, וואס דען זאל ער טוהן? דער אויבערשטער מוז דאך פארט האבן דעם תענוג וואס אויף דעם האט ער באשאפן דער וועלט - מוז דער צדיק 'אליין'!

**דער רבי האט געזאגט[כו]: "פאר א נויט בין אין אליין גענוג!"**

וואס איז דער ווארט 'פאר א נויט בין איך אליין גענוג'? עס שטייט טאקע אין גמרא[כז] - **"איך מיט מיין זון; אז נישט - בין איך אליין גענוג!"**. צדיקים האבן אין זיך אזא מין כח אז זיי האלטן ממש אונטער דער וועלט! די גאנצע וועלט האט א קיום צוליב אים, אזא נחת רוח האט דער אויבערשטער פון אים, אזוי איז ער מְעַֽדן מיט זיינע תפילות.

אז עס איז געקומען דארטן ביים עגל - ווער האט אונטערגעהאלטן דער וועלט? משה רבינו - ער האט מתפלל געווען! און דער עונש וואס האט געדארפט קומען אויף אלעמען - נעמט ער אויף זיך, ער טוהט תשובה פאר דער גאנצער וועלט, ער

---

[כו] חיי מוהר"ן, אות רי"א: בִּתְחִלַּת כְּנִיסָתוֹ לְאוּמֶין בָּא אֵלָיו אִישׁ אֶחָד שֶׁהָיָה קְצָת מְקֹרָב לְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְאָמַר לוֹ שֶׁאַנְשֵׁי הַבֵּית הַמִּדְרָשׁ דְּשָׁם מִתְנַצְּלִים עַל שֶׁלֹּא בָּאוּ כֻּלָּם לְקַבֵּל פָּנִים וְאָמַר אֵיזֶה תֵּרוּצִים עַל זֶה. עָנָה וְאָמַר הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה חֲסִידִים חֲדָשִׁים אֵינִי מְבַקֵּשׁ עוֹד. אִם יִהְיוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הַיְשָׁנִים הַמְקֹרָבִים מִכְּבָר אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים בֶּאֱמֶת מַה טּוֹב. וְאִם לָאו דַּי לָעוֹלָם אֲנִי לְבַד (**פַאר נוֹיט בִּין אִיךְ אַלֵיין גִינוּג**).

[כז] עיין גמ' סוכה מה: ואמר חזקיה אמר רבי ירמיה משום רבי שמעון בן יוחאי **יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין מיום שנבראתי עד עתה ואילמלי אלעזר בני עמי מיום שנברא העולם ועד עכשיו** ואילמלי יותם בן עוזיהו עמנו מיום שנברא העולם עד סופו. גם עיין זוהר וירא דף ק"ה ע"ב, וזל"ש בתירגום ללשון הקודש: פַּעַם אַחַת יָצָא רַבִּי שִׁמְעוֹן ... **וְאִם אֵין עֲשָׂרָה - שֶׁיִּהְיוּ שְׁנַיִם, שֶׁהֵם אֲנִי וּבְנִי**, שֶׁכָּךְ כָּתוּב: (דברים יט) עַל פִּי שְׁנַיִם שְׁנֵי עֵדִים יָקוּם דָּבָר, וְאֵין דָּבָר אֶלָּא עוֹלָם, שֶׁכָּתוּב (תהלים לג) בִּדְבַר ה' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ, **וְאִם אֵין שְׁנַיִם - הֲרֵי יֵשׁ אֶחָד, וַאֲנִי הוּא**, שֶׁכָּתוּב (משלי י) **וְצַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם**. בְּאוֹתָהּ שָׁעָה יָצָא קוֹל מִשָּׁמַיִם וְאָמַר: אַשְׁרֵי חֶלְקְךָ רַבִּי שִׁמְעוֹן, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גּוֹזֵר לְמַעְלָה - וְאַתָּה מְבַטֵּל לְמַטָּה. בְּוַדַּאי עָלֶיךָ נֶאֱמַר (שם קמה) רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה.

טוהט אזוי פיל תשובה גלייך ווי די גאנצע וועלט טוהט תשובה. אז דער אויבערשטער האט אזא מענטשן, איז אים כדאי (די בריאה)!

איך געדענק אז אין אומאן האט מען אזוי געלערנט - לערן איך אויך אזוי; אז וואס מיינט "מוכרח לעשות תשובה"? אז ער מוז אונטערהאלטן דער וועלט מיט זיין צידקות, ער איז מגין אויף דער וועלט מיט זיין צידקות.

(השואל: לאחר הסתלקותו אויך?) אויך דאס אייגענע; אוודאי, אז ער איז דער צדיק הדור - אין אזוי פיל דורות איז ער דער צדיק הדור, איז אזוי ווי בחייו האט ער אונטערגעהאלטן, האלט ער איצטער אויך אונטער דער וועלט!

אין דער הקדמה פון דעם "נועם אלימלך" ברענגט דער זון[כח]: "דער טאטע האט זיך אלע טאג מוסר נפש געוועזן בשביל ישראל!" - ער האט זיך מוסר נפש געוועזן בשביל ישראל אלע טאג - זיך מוסר נפש געוועזן פאר אידן!

דער צדיק איז דאך פארט דער צדיק אויף דער וועלט, און ער זעהט דאך וואס די וועלט איז, און ער איז אזא רחמן, מען קען דאך נישט נעמען די וועלט און איר שעלטן צו הרג'נען רח"ל, ער קען דאך נישט - ער הרג'ט דאך זיך אליין, איז מיט וואס האלט זיך די וועלט? מוז ער אזוי פיל מרבה זיין בתפילה מיט זיינע עבודות און אזוי פיל געבן דעם אויבערשטן אזא מין נחת רוח, אז דאס איז כדאי.

'פאר א נויט בין איך אליין געגנוג!' - אט דאס איז דער קיום פון דער וועלט.

(אחד הנוכחים: ווייזט אויס, די יחידי הדורות האבן געהאלטן די וועלט פון איינעם ביזן צווייטן!) יא יא, זיי האבן אונטערגעהאלטן דער וועלט.

---

[כח] בסופו כברכת סיום: ותקיים נא כל הברכות אשר תמיד על פה כבוד אבי מו' הורגלו להיות מברך ישראל **ולמסור נפשו עליהם בכל עת** ולבטל מהם גזירות רעות בתפלתו הנאמנה במסירת נפשו.

דערווייל אז דער אויבערשטער האלט שוין דער וועלט, ווערט דערווייל א שינוי, מענטשן ווערן נתעורר צו תשובה.

אבער אמאל איז דא אזא מין זמן וואס דער קטרוג איז דערווייל אזוי פיל גרויס, וואס וועגן נישט דעם צדיק האט נישט די וועלט קיין קיום; דערווייל קען שוין ווערן בעלי תשובות אויך.

דאס ערשטע האט משה רבינו אונטערגעהאלטן אז עס זאל נישט קיין "להשמידם"; אפילו עס איז געווען "וביום פקדי פקדתי", אבער קיין 'להשמידם' - נישט. דערווייל איז געווארן א משכן, אידן האבן תשובה געטוהן, מען האט געוויינט, עס האט זיך עפעס געטוהן. אבער בשעת עס קומט דער קטרוג מלמעלה מוז מען האבן ווער עס האלט איר אונטער.

"וְזֶה שֶׁאָמְרוּ הַבַּעֲלֵי מוּסָר, שֶׁכְּשֶׁבָּאִים לַצַּדִּיק וְרוֹאִים אוֹתוֹ, בִּבְחִינַת (ישעי' ל): 'וְהָיוּ עֵינֶיךָ רֹאוֹת אֶת מוֹרֶיךָ', רָאוּי שֶׁיִּמְצָא אֶת עַצְמוֹ בְּתוֹךְ הַצַּדִּיק, שֶׁיִּסְתַּכֵּל בְּעַצְמוֹ עַל כָּל הַמִּדּוֹת, אֵיךְ הוּא אוֹחֵז בָּהֶם עַל יְדֵי רְאִיַּת פְּנֵי הַצַּדִּיק" - אז מען קוקט אויפן צדיק איז ראוי ער זאל זעהן אין זיך וואו ער האלט.

"כִּי כָּל הַמִּדּוֹת נִמְשָׁכִין מֵהָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת הַנַּ"ל, כַּמּוּבָא. וְעַל כֵּן כְּשֶׁרוֹאֶה אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא בְּחִינַת יְסוֹד הַפָּשׁוּט, שֶׁמִּמֶּנּוּ נִמְשָׁכִין כָּל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת, רָאוּי לוֹ שֶׁיִּסְתַּכֵּל וְיַרְגִּישׁ עַל יְדֵי זֶה אֵיךְ הוּא אוֹחֵז בְּכָל הַמִּדּוֹת, שֶׁבָּאִין מִן הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת, שֶׁנִּמְשָׁכִין מֵהַצַּדִּיק, שֶׁהוּא בְּחִינַת יְסוֹד הַפָּשׁוּט כַּנַּ"ל".

פריער האט דער רבי געזאגט אז דער עונש איז נוגע צו אים ווייל זיי נעמען זיך פון אים, דערפאר באקומט ער דעם עונש. איצטער זאגט דער רבי ווייטער אויף דעם אופן, אז מען גיט א קוק אויפן צדיק דארף מען וויסן ביי זיך וואו האלט איך.

"וְזֶה: וְהָיוּ עֵינֶיךָ רֹאוֹת אֶת מוֹרֶיךָ - רָאשֵׁי תֵבוֹת: אֵשׁ רוּחַ מַיִם עָפָר, שֶׁהֵם הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת, שֶׁמֵּהֶם נִמְשָׁכִין כָּל הַמִּדּוֹת, שֶׁכֻּלָּם נִמְשָׁכִין מֵהַצַּדִּיק כַּנַּ"ל.

וְעַל כֵּן כְּשֶׁרוֹאִין אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁזֶּה בְּחִינַת: וְהָיוּ עֵינֶיךָ רֹאוֹת אֶת מוֹרֶיךָ, עַל יְדֵי זֶה רוֹאִין בְּעַצְמוֹ אֵיךְ הוּא אוֹחֵז בְּכָל הַמִּדּוֹת, שֶׁבָּאִין מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת: אֵשׁ, רוּחַ, מַיִם, עָפָר, שֶׁנִּמְשָׁכִין מֵהַצַּדִּיק כַּנַּ"ל".

## "גאט'ס נאמען" אין אוקריינע

"וְזֶה שֶׁקּוֹרִין הָעוֹלָם אֶת מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים שֵׁם ה'". דא ווייסט מען גארנישט דערפון, אבער אין אוקריינע יא - "גאט'ס נאמען" "גאט'ס נאמען"! אז עס קומט טאקע "גאט'ס נאמען" ווערט אזא מין לויפעריי צום דאווענען - אזוי ווי יום כיפור! עס לויפן אלע, מען לויפט: "גאט'ס נאמען"! מען לויפט פארטאג אין די שולן, מען לויפט, מען לויפט! מען רופט עס טאקע: "גאט'ס נאמען".

❖

איך האב געהערט אין מעזיבוזש, דער בעל שם איז דאך געווען דארטן פון אַקאָפּ - א שטאט אין גאליציע. אז ער איז געקומען קיין מעזיבוזש האט ער געזעהן א מנהג, ווען עס קומט ערב יום כיפור שטייט דארטן דער חזן מיט א שיסעלע (- די חזנים זענען דאך געווען) ארעמעלייט, און יעדער איינער וואס גייט אריין דאווענען מנחה ווארפט עפעס אריין אין שיסעלע - פאַר דעם בעל שחרית, פאר דעם בעל מוסף, פאר דעם בעל תוקע - (דער מיט) א שיסעלע, (דער מיט) א שיסעלע.

האט ער געזעהן אז אמאל קריגט מען זיך מיט דעם גבאי, דער גבאי וויל מערער - און ער וויל גיבן ווינציגער, מען פארדריסט דעם חזן, מען גיט אים נישט, עס איז דאך ערב יום כיפור - א טאג וואס איינער דארף דעם אנדערן מוחל זיין און נישט האבן קיין שום תערומות איינער אויפן צווייטן. איז אים נישט געפעלן די זאך - די שיסעלעך, האט ער געזאגט אז מען זאל עס מאכן אויף נאך יום כיפור כדי נישט אז ערב יום כיפור זאל האבן איינער עפעס א תערומות אויפן צווייטן - אזוי האט ער געוואלט (איינפירן).

איז מען געקומען צו אים די נאכט און מען האט אים מודיע געווען פון הימל: "טשעפע נישט, מיש זיך נישט אין דעם! די צדָקות וואס ווערט אפגעטוהן אין דעם טאג, אזוי פיל צדקות - ווילסטו דאס מבטל זיין? דייקא פאר יום כיפור זאלן זיין די אלע צדקות!" - מיש זיך נישט. האט ער דאס נישט געטשעפעט.

❖

## אים נישט טשעפען

זאגט דער רבי: "כִּי אַחַר יוֹם הַכִּפּוּרִים, אָז נִתְגַּלָּה בְּחִינַת שֵׁם ה'. וְזֶה שֶׁנִּצְטַוּוּ תֵּכֶף לְמָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים עַל שַׁבָּת, כִּי לְמָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים נִתְרַצָּה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְיִשְׂרָאֵל וְהִזְהִירָם עַל מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן, וַאֲזַי הִקְהִילָם מֹשֶׁה וְהִזְהִירָם עַל שַׁבָּת, כְּדֵי שֶׁלֹּא יִטְעוּ לוֹמַר שֶׁמְּלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן דּוֹחָה שַׁבָּת (כמובא בפרש"י פר' ויקהל). נִמְצָא שֶׁתֵּכֶף לְמָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים הֻזְהֲרוּ עַל שַׁבָּת, וְשַׁבָּת שְׁמָא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא (זוהר יתרו דף פח:). כִּי אָז, אַחֲרֵי יוֹם הַכִּפּוּרִים, נִתְגַּלָּה בְּחִינַת שֵׁם ה'".

"כִּי כְּשֶׁמַּעֲנִישִׁין אֶת אֶחָד, עוֹקְרִין אוֹתוֹ מִשֹּׁרֶשׁ חִיּוּתוֹ".

דער רבי ברענגט אין "ספר המידות"[כט]: "מען טאר נישט שעלטן קיינעם, סיידן אז מען זעהט אלע דורות וואס וועט ארויסקומען פון אים!"; אז איך וויים אלע דורות וואס וועט ארויסקומען פון אים דעמאלט מעג איך אים שעלטן. כאטש ער איז א רשע טאר איך אים נישט שעלטן - טאמער וועט ארויסקומען פון אים גוטע דורות, און אז מען איז איינעם מעניש רייסט מען אים אויס 'משורש חיותו'.

"כִּי אֲפִלּוּ שְׁאָר אֲנָשִׁים נִקְרָאִים בְּחִינַת מִיתָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שמות ד): "כִּי מֵתוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְבַקְשִׁים אֶת נַפְשֶׁךָ", וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עבודה זרה ה.), 'שֶׁנַּעֲשׂוּ עֲנִיִּים'; וְהַשֵּׁם הוּא הַחִיּוּת, בִּבְחִינַת (בראשית ב): 'נֶפֶשׁ חַיָּה הוּא שְׁמוֹ'.

---

[כט] ערך 'קללה' אות ב'.

'ושמו משתף בשמנו כביכול'[ל]. וְעַל כֵּן כְּשֶׁיֵּשׁ לְיִשְׂרָאֵל אֵיזֶה עֹנֶשׁ, חַס וְשָׁלוֹם, נוֹגֵעַ אֶת עַצְמוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּבְיָכוֹל, כִּי עִקַּר הָעֹנֶשׁ נוֹגֵעַ בְּהַחִיּוּת שֶׁהוּא הַשֵּׁם, וּשְׁמוֹ מְשֻׁתָּף בִּשְׁמֵנוּ כַּנַּ"ל.

"וְעַל כֵּן כְּשֶׁאָמַר משֶׁה: 'וְאִם אַיִן מְחֵנִי נָא' (שמות ל"ב), וְהֵשִׁיבוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ: 'מִי אֲשֶׁר חָטָא לִי אֶמְחֶנּוּ וְכוּ'" (שם) בִּקֵּשׁ משֶׁה, שֶׁיַּעֲשֶׂה לְמַעַן שְׁמוֹ הַגָּדוֹל הַמְּשֻׁתָּף בִּשְׁמֵנוּ. כִּי מֵאַחַר שֶׁשְּׁמוֹ יִתְבָּרַךְ מְשֻׁתָּף בִּשְׁמֵנוּ, נִמְצָא כְּשֶׁיַּעֲנִישׁ אוֹתָם, נוֹגֵעַ אֶת עַצְמוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּבְיָכוֹל, כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מגילה י:): 'הוּא אֵינוֹ שָׂשׂ' וְכוּ', כִּי נוֹגֵעַ בְּעַצְמוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּבְיָכוֹל, כִּי שְׁמוֹ מְשֻׁתָּף בִּשְׁמֵנוּ כַּנַּ"ל. נִמְצָא כְּשֶׁנִּתְרַצָּה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים וְאָמַר: "סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶיךָ", אֲזַי, כִּבְיָכוֹל, נִגְדַּל שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ הַמְּשֻׁתָּף בִּשְׁמֵנוּ כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן נִצְטַוּוּ תֵּכֶף אַחַר יוֹם הַכִּפּוּרִים עַל שַׁבָּת כַּנַּ"ל, כִּי שַׁבָּת שְׁמָא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן קוֹרִין מָחֳרַת יוֹם הַכִּיפּוּרִים שֵׁם ה', כִּי אַחַר הַמְּחִילָה וְהַסְּלִיחָה שֶׁנַּעֲשָׂה בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים, נִגְדַּל שֵׁם ה', כַּנַּ"ל".

עס איז א פלא'דיגע זאך, מיר זעהן ארויס, רבי נתן איז געווען אזא מין רחמן, אזא מין גוטער מענטש, ער האט דאס אליץ גענומען פונעם רבי'ן, א מענטש אין יענע יארן - צוריק מיט הונדערט פופציג יאר, שרייבט אום שבת, מען ווייסט אז ער ארבעט, קומט ער אריין צו רבי נתן'ען צו מוסף, און ביי כתר הויבט ער אויף די הענט, זעהט מען ארויס די הענט מיט טינט - מען וואלט דאך אים דער'הרג'עט היינט, מען וואלט אים ארויסגעווארפן פון בית מדרש - 'דו דארפסט נאך אויפהויבן די הענט ווייזן יענעם אז די הענט איז דיר אויסגעשמירט מיט טינט ווייל דו שרייבסט אום שבת?!'.

רבי נתן האט געזאגט: "טשעפעט אים נישט - אז ער קומט אריין דא טשעפעט אים נישט!".

[ל] ירושלמי תענית פרק ב, ובפרש"י יהושע ז, ירמי' יד, ובילקוט יהושע ז.

נאכדעם איז ער אויסגעוואקסן - ער איז געווען דער דאזיגער וואס רבי נתן האט געזאגט אז ער וועט זיך בארימען פארן כסא הכבוד מיט אים. מען האט אים גערופן "דער דייטשל". פערציג יאר איז ער געפארן אויף ראש השנה קיין אומאן! - ער איז געווארן א בעל תשובה גמור.

רבי נתן האט געזעהן, אז ער קומט דא אריין וועט עפעס ווערן פון אים, האט ער געהייסן - אים נישט טשעפען.

א משוגע'נער פערד - עס איז אריינגעקומען א משוגע'נער פערד, מען קען אים נישט טשעפען; זאל מען אים אנ'הרג'ענען - וואלט ער ווען מער נתפקר געווארן, אדער - איך ווייס - וואלט ער געשלאגן 'זיך' - איך ווייס נישט וואס וואלט געווארן, קיין בעל תשובה וואלט ער געווים נישט געווארן ווען מען ווארפט אים ארויס. אבער 'אזוי' איז ער געווארן א בעל תשובה. אז אזא מענטש ווערט א בעל תשובה דאס איז עפעס א - -

ער וועט זיך בארימען פאר כסא הכבוד וואס ער האט אים געבראכט צום אויבערשטן.

דאס איז געווען עפעס - - רח"ל, איך ווייס וואס איז געווען מיט אים דארטן? האבן אין זיך אזא מין עזות - שרייבן אום שבת און אריינקומען דא?!

רבי נתן האט געזעהן אז עס וועט עפעס ווערן פון אים, און ער איז טאקע געווארן א בעל תשובה.

ר' אייזיק קראסנשטיין האט דערציילט: ביי זיין טאטן פלעגט מען זיך צונויף קומען אונזערע לייט. זיין טאטע איז דאך געווען א גביר - ר' נחמן קראסנשטיין, (פלעגט ער דארט צוטיילן) א סאמאוואר (- א פעסל הייסע וואסער) מיט טיי, און מען האט גערעדט פונעם רבי'ן. און "דער דייטשל" איז שוין געווען עפעס נישט געזונט, און ער פלעגט אויך אריינקומען, איז ער געלעגן אזוי אויף א בעטעלע - צוגעלייגט זיך, און זיי האבן גערעדט פונעם רבי'ן.

האט ער זיך אנגערופן: "איך פאר שוין פערציג יאר אויף ראש השנה - איך האב נאך קיין איינמאל דעם רבי'ן נישט געבעטן אויף פרנסה! מיר פעלט נישט נאר פרנסה? ווי שעמט מען זיך נישט צו בעטן דעם רבי'ן אויף פרנסה? מיר פעלט נישט נאר פרנסה?!" - דער דייטשל - אט דער וואס האט געהויבן די הענט...

דאס איז אנדערע ווערטער!

רבי נתן האט געהייסן - אים נישט טשעפען.

❖

איך געדענק נאך דעם "אהרן קצב" - א יונג. ער איז אריינגעקומען צו אונז, אנגעטוהן צרות ביי אונז, ער האט צוגענומען דעם אויוען (- זיך באזעצט דארט), גערעדט און געפלאפלט, האט מען אים געוואלט ארויסווארפן. האט ר' אברהם געזאגט: "טשעפעט אים נישט!" - 'ער קומט דאך אריין דא, טשעפעט אים נישט!'.

נאכדעם איז דער אהרן אוועקגעפארן קיין אמעריקע, פלעגט די טאכטער שרייבן בריוו אז דער טאטע איז געווארן גאר דא אַן ערליכער איד, ער זאגט זיי, 'אט דאס הייסט געדאוונט? אזוי דאוונט מען? - אז איך בין געוועזן אין אומאן אין דער ברסלב'ער שול האב איך געזעהן ווי אזוי מען דאוונט!' - אזוי גערעדט. ער איז געווארן עפעס א גאנצער - -

'טשעפעט אים נישט, ער קומט אריין דא!' - א יונג געוועזן...

די וועג פונעם רבי'ן איז געוועזן א וועג פון רחמנות, זיי האבן געהאט ליכטיגע אויגן, זיי האבן געזעהן דעם קוק פון ווייטער.

❖ ❖ ❖

# געגאנגען צוויי מאל אין מקוה

(ר' משה: וואס וויל דער רבי אין תורה ס"ה "כשמקנאין קנאת ה' צבאות"?) **יעדער איינער קוקט אויף פנחס'ן - אבער ער איז דאך געווען פריער אויך א פנחס.**

**טאקע פון דעם רבי'ן קומט אויס, דער כח פון תפילה איז אזוי גרויס! וואס האט רבי נתן געטוהן דעמאלט** (בעת המחלוקת)**? רבי נתן האט געהאט בכח צו מעניש זיין די חולקים, ער האט געהאט דעם כח פון די מחקרים, און וואס וועט שוין זיין דער עונש? אז מען וועט זיי נאר ארויסשיקן פון לאנד!**

**זיי האבן דאך אזוי געזאגט: "רבי נתן גיט אונז נאר רשות - ביז פיר און צוואנציג שעה וועלן זיי זיך נישט געפינען אין דילאנד - וועלן זיי זיין אין אַן אנדער לאנד!" - מען וועט זיי נישט הרג'ענען, נישט קיין תפיסות.**

**רבי נתן האט געזאגט: "ניין, פון רבי'ן האבן איך נישט אזוי מקבל געווען - נאר תפילה, נאר תפילה!".**

**מיט וואס האט זיך רבי נתן געראטעוועט קעגן די אלע? נאר מיט תפילה!**

**צום סוף איז פון די חולקים געווארן וואס איז געווארן, און פון רבי נתן'ען - ברוך השם - איז געבליבן פול מיט ספרים, און עס איז דא א דור - דורות!**

**דער כח פון תפילה איז אזוי פיל גרויס אז ווען מען זאל זיך ווען אנהאלטן אין תפילה אזוי ווי מען דארף, וואלט אויך געווארן אפגעראכטן אסאך תיקונים דערפון. פארוואס טוה איך שוין מיט די יָדים? ווייל איך האלט נאך נישט ביי קיין תפילה - אז איך בין ממעט אין תפילה טוה איך אנדערע זאכן.**

**ווען מען זאל אננעמען דעם כח פון תפילה אזוי ווי דער רבי האט געוואלט - אזוי ווי זיי האבן געטוהן אין די צייטן פון רבי נתן'ען, אין אזעלכע צרות, מתיר מאכן א מענטשן צו הרג'נען - מען האט מתיר געמאכט רבי נתן'ען אז מען מעג אים הרג'ענען**

- און נאך צוזאגן עולם הבא אז מען וועט אים הרג'ענען... - מען האט זיך געראטעוועט נאר מיט תפילה, נאר מיט תפילה!

די טאכטער (חנה צירל בת מוהרנ"ת) האט געזאגט: **"די חצות'ן וואס דער טאטע האט געזאגט ביי דער מחלוקת האט ער נישט געזאגט פריער!"**.

די חצות'ן וואס זי האט געהערט פון אים זאגן בשעת עס איז געווען די מחלוקת האט זי נישט געהערט אזוי פריער.

דאס האט דאך אים געראטעוועט! א קראנקער מענטש, געליטן אויף חולי מעיים, איז ער געגאנגען אין קאלטע מקוואות צוויי מאל א נאכט - פאר חצות און נאכאמאל פארן דאווענען - אין די דריי יאר איז ער געגאנגען צוויי מאל![לא] - אט דאס איז געווען.

אז מען רודפ'ט - האט ער גענומען דעם 'כלי זיין' פונעם רבי'ן - מיט דעם כלי זיין האט ער כובש געווען אלע מלחמות.

מיר דארפן נעמען דעם כלי זיין פונעם רבי'ן!

❖ ❖ ❖

## נישט געוואלט געבן דאס קינד צו מל'ען

(חסר) עס איז געווען דאכט זיך אין דייטשלאנד אין בערלין צו וואס, איינער פון די "מפרשי הים" פון אומאן[לב], און דארט האט ער זיך באקענט מיט א גרויסן

---

[לא] עיין ספר המידות - ערך המתקת דין, אות כ"ב: **על ידי טבילת מקוה נתבטל הצרות וישועה באה.**

[לב] **"מפרשי הים"** הוא חיבור שנתחבר על ידי שני גדולי הדור המפורסמים, מלבוב-לעמבערג: הגאון הגדול ר' מרדכי זאב הלוי איטינגא (אטינגער) (אביו, הגאון הגדול ר' יצחק אהרן הלוי היה חתן הגאון הגדול ר'

מיליאנער, א גרויסן עושר, יענער איז געווען זייער א פרייער - אינגאנצן פריי, האט ער מיט אים אסאך גערעדט און ער האט אים אריינגעבראכט ער זאל ווערן א בעל תשובה. דערווייל איז ביי יענעם געבוירן געווארן א זון, און ער האט נישט געטראכט פון מל'ען דאס קינד, אבער אז דער האט אים שוין געמאכט פאר א בעל תשובה איז געווארן אפגערעדט אז ער וועט מל'ען דאס קינד.

האט ער געזאגט, 'זי וועט גארנישט וועלן געבן דאס קינד מל צו זיין'. האט ער גערופן דעם ראבינער און מען האט אלצדינג צונויף געשטעלט, מען האט גערופן דעם מוהל, צוגעגרייט אלעם אזוי ווי מען גייט מאכן דעם ברית. נאכדעם גייט ער אריין דארטן צו איר און זאגט איר דארטן די זאך. זאגט זי: "וואס? שחט'ן מיין קינד?" - זי גיט נישט.

ער איז שוין געווען אנגענומען מיט אידישקייט פון דעם פון די מפרשי הים וואס האט מיט אים אסאך גערעדט. קומט ער אריין און זאגט, 'זי וויל נישט געבן דאס קינד'. זאגט ער: גייט אריין נאכאמאל, ער איז אריינגעגאנגען דריי מאל, און זי וויל נישט געבן דאס קינד. איז אריינגעגאנגען שוין דער רב - דער ראבינער, און האט איר געזאגט אזוי: **"דאס איז שוין דאס דריטע מאל וואס מיר זאגן אייך איר זאלט געבן דאס קינד צו מל זיין; זאגן מיר אייך איצטער, אז איר וועט נישט געבן - וועט איר חרטה האבן!"** - און דער ראבינער איז אריינגעקומען קריק - ער איז געזעצן צעקאכט.

---

מרדכי זאב אורנשטיין), ועל ידי גיסו וקרובו הגאון הגדול ר' יוסף שאול נאטאנזאהן (אמו היתה בתו של הגה"ג רמ"ז אורנשטיין הנ"ל; והוא היה חתן הגה"ג ר' י"א הלוי איטינגא הנ"ל) בעל שו"ת שואל ומשיב. והוא מדור הערות על ספר **"ים התלמוד"** על מס' בבא קמא שנתחבר על ידי דודם הגאון הגדול ר' משה יהושע העשיל אורנשטיין (בן הגה"ג רמ"ז אורנשטיין הנ"ל; אחיו של הגאון הגדול ר' יעקב משולם אורנשטיין בעמ"ס "ישועות יעקב" על ד' חלקי שו"ע). בסוף הספר מופיע חלק "שו"ת" משלהם. הספר מעוטר בהסכמותיהם הנלהבות של גדולי דורם: ה"נתיבות המשפט", רבי עקיבא אייגר, החתם סופר, רבי אפרים זלמן מרגליות, מהר"ם מינץ, ורבי מרדכי באנעט. נפטרו בין שנות תרכ"ג-תרל"ה. צאצאי משפחת "אורנשטיין" ו"איטינגא" היו לשֵם ידוע באוקריינע לתלמידי חכמים ולגאונים מופלגים. וכנראה מר' לוי יצחק היו מצאצאיהם שדרו באומאן.

דארט איז געווען א מין גלאק וואס מען האט געקענט א קלונג געבן פון איר בעט ביז דעם טיש דארטן וואו מען איז געזעצן. האט זי באלד א קלונג געגעבן, איז אריינגעלאפן דער מאן - איז זי שוין געווען טויט... מען האט איר שוין נישט געקענט דערמינטערן.

דאס קינד האט מען מל געווען.

דאס איז געווען דורך איינער פון די מפרשי הים פון אומאן (- שנעשה בעל תשובה).

(ר' משה: און ווער האט געזאגט 'איר וועט חרטה האבן'?) **דער ראבינער** (פון בערלין).

(ר' משה: ער איז געווען א גדול הייסט עס?) **אוודאי; ער האט זיך זייער אויפגעקאכט, דריי מאל אריינגעגאנגען און זי וויל נישט געבן דאס קינד, האט ער געזאגט די ווערטער: 'וועט איר חרטה האבן!', און באלד האט זי געגעבן א קלונג און דער מאן איז אריינגעלאפן, האט מען שוין נישט געקענט איר דערמינטערן און מען האט מל געווען דאס קינד שוין נאך איר טויט.**

(ר' משה: דאס האט אלץ דערציילט דער פון די מפרשי הים פון אומאן?) **יא.** (ר' נחמן: זיי האבן געהאט א שייכות מיט דעם רבי'נס זאך די קינדער פון די מפרשי הים?) **איך וויים נישט, זיי זענען געווען גרויסע גאונים.**

(ר' משה: אין אייערע צייטן זענען נאך געווען די מפרשי הים?) **ניין ניין; עס האט זיך אוועקגעצויגן יארן** (נכדיהם וצאצאיהם) **- זיי זענען געווען אין דער גאנצער וועלט, נישט נאר אין איין ארט - עס איז געווען פון זיי אין אסאך פלעצער; און אין אומאן איז אויך געווען פון די מפרשי הים - אין אומאן איז געווען גרויסע גאונים.**

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס, הלא הם

מוה"ר **אהרן טייטלבוים** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מוה"ר **נתן פיש** הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בנו החה"ח חיים
דוב נ"י החתונה תתקיים
בשעטומ"צ ג' קרח באולם כתר
רייזל - וויליאמסבורג למזל טוב

מוה"ר **יעקב עקיבא קויפמאן** הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת התאומות למזל טוב

מוהר"ר **בעריש סאנדער** הי"ו
קרית יואל
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מוהר"ר **יצחק ענגל** הי"ו
בלומינגבערג
לרגל הולדת בנו למזל טוב

מוהר"ר **ארי' לייב גאלדשטיין** הי"ו
קרית יואל
לרגל הולדת בנו למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל**
לרפו"ש בקרוב בתושח"י

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק נחום אנשין
ב"ר משה נפתלי ע"ה
נלב"ע כ"ו אייר תשפ"ג

מרת נחמה
בת רבי נתן ע"ה
נלב"ע ד' תמוז תשפ"ב

מרת רוחמה שרה ע"ה
בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מו"ה יצחק יעקב
ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת פיגא רבקה
בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל
הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים